לג. כרגיל, וועט מען לערנען א פסוק פון דער פרשה מיט פירוש רש"י, א הערה פון טאטן אויף זהר, און אן ענין אין דעם היינטיקן פרק אין פרקי אבות.

אין היינטיקער סדרה סוף קאפיטל יג (פסוק לג) ווערט דערציילט אז די מרגלים האבן געזאגט אידן "ושם ראינו את הנפילים בני ענק מן הנפילים גו'". שטעלט זיך רש"י אויפן ווארט "הנפילים" און איז מפרש: "ענקים מבני שמחזאי ועזאל שנפלו מן השמים בימי דור אנוש".

דארף מען פארשטיין: פארוואס באנוגנט זיך ניט רש"י מיטן טייטש "הנפילים - ענקים", נאר איז מוסיף א גאנצע אריכות: "מבני שמחזאי ועזאל שנפלו מן השמים בימי דור אנוש".

בנוגע דער הוספה "שנפלו מן השמים" לערנען מפרשים[118] אז באַרש"י'ן איז שווער דער כפל אין פסוק - "הנפילים בני ענק מן הנפילים". דעריבער לערנט רש"י, אז דער צווייטער "הנפילים" איז מלשון נפילה, "שנפלו מן השמים".

אבער ע"ד הפשט איז דער כפל הלשון - "הנפילים בני (ענק מן) הנפילים" - מעיקרא קיין קשיא ניט. ווי מען געפינט בכ"מ (בלשון הקודש) אז כדי צו מחזק זיין אן ענין נוצט מען אזא כפל לשון, כמו: צדיק בן צדיק וואס דאס איז מוסיף אין גודל הצדקות, אז ער איז ניט סתם א צדיק, נאר צדיק בן צדיק (ער האט אויך זכות אבות), ועד"ז אין צד ההפכי:

ד.ה. אז דער פירוש איןביידע מאל צדיק (וכיו"ב) איז דער זעלבער, און ניט אז זיי האבן צוויי באזונדערע פירושים, ווייל אויב זיי האבן באזונדערע פירושים איז דעמולט אדרבה - דער כפל הלשון איז בפירוש ניט מדגיש גודל הצדקות שלו.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק בענייננו אז בשעת די מרגלים האבן געוואלט אנווארפן א פחד יתירה אויף אידן דערמיט וואס זיי האבן געזען "נפילים" האבן זיי מוסיף געווען, אז זיי האבן געזען "הנפילים בני הנפילים": ניט סתם "נפילים", נאר נפילים בני נפילים.

מוז מען זאגן, אז דאס וואס רש"י איז מוסיף די ווערטער "שנפלו מן השמים" איז (ניט ווייל דער כפל

- הלשון -

------------

118) רא"ם, שפ"ח כאן.



SichosKodesh.com

הלשון איז מכריח צו בייטן דעם טייטש פון דעם צווייטן "הנפילים", נאר) ווייל דאס איז מוסיף אין דער הפחדה אויף אידן: ניט נאר וועט מען מוזן זיך איינקערן מיט סתם ענקים (בני אדם), נאר מיט אזעלכע ענקים וואס שטאמען פון מלאכים - שנפלו מן השמים.

עס בלייבט אבער ניט פארשטאנדיק די אנדערע פרטים וואס רש"י ברענגט אראפ [די נעמען "מבני שמחזאי ועזאל" און אז די נפילה מן השמים איז געוועך "בימי דור אנוש"] - למאי נפק"מ די פרטים דא אין פסוק?

די תמי' אין דעם איז נאך שטארקער: בשעת מען קוקט אין פירוש רש"י אין פ' בראשית[119], וואו עס ווערט דערציילט וועגן די "נפילים" - זאגט רש"י אז "נפילים" איז מלשון נפילה, אבער ער דערמאנט ניט קיינע נעמען. (אע"פ וואס אין תרגום יונתן דארט שטייט יע זייערע נעמען).

איז תמוה - ס'איז דאך איפכא מסתברא: ביים סיפור הענין על אתר דערציילט ניט רש"י די נעמען פון די נפילים, און דוקא בפרשתנו ביים סיפור המרגלים, וואס דא ווערט דער ענין געבראכט בדרך טפל, נויטיקט זיך רש"י צו דערציילן זייערע נעמען?!

לד. אז רש"י ברענגט שוין יע נעמען - איז ניט מובן: פארוואס קלייבט ער אויס דוקא די צוויי נעמען -"שמחזאי ועזאל"?

עס זיינען פאראן דפוסי רש"י אין וועלכע די מדפיסים האבן צוגעגעבן אז דער מקור פון דעם פירוש רש"י איז אין מס' יומא[120], וואס דארטן שטייט אז דער לשון "עזאזל" (שעיר לעזאזל) איז "שמכפר על מעשה עוזא ועזאל".

אבער מען קען ניט זאגן, אז דאס איז דער מקור פון רש"י, ווייל:

א) דארטן ברענגט זיך נאר דער נאמען "עזאל", אבער ניט "שמחזאי".

ב) אפילו בנוגע "עזאל" קען מען ניט זאגן אז רש"י נעמט עס פון יומא, ווייל רש"י בפירושו על התורה[121] לערנט (ווי דער אנדערער מ"ד ביומא שם) אז

- דער -

---

119) ו, ד. 120) סז, ב. 121) אחרי טז, ח.

דער לשון "עזאזל" איז - "הר עז וקשה צוק גבוה", און איז נישט פארבונדן מיטן מלאך עזאל.

נאר דער מקור פון רש"י איז אין מס' נדה[122], וואו עס ווערט דערציילט אז "סיחון ועוג בני אחי בר שמחזאי הוו". און אע"פ אז אויך דא שטייט בלויז איין נאמען (שמחזאי) - זאגט אבער רש"י בפירושו לש"ס שם "בני אחי' - שבא משמחזאי ועזאל", וואס דערפון איז משמע, אז רש"י'ס גירסא איז "בר שמחזאי ועזאל"[123].

וואס דערמיט איז אויך מובן וואס רש"י איז מדייק "שבא משמחזאי ועזאל" (נישט ווי לשון הגמרא "בר"): דערמיט באווארנט ער - ווי איז שייך צו זאגן "בר שמחזאי ועזאל", פון ביידע?

- אויפן פסוק[124] "בת ענה בת צבעון" איז רש"י מפרש "מלמד שבא כו' ויצאה כו' מבין שניהם". אבער דארטן קען מען לערנען, אז עס איז נישט דער פשט אז בפועל "יצאה..מבין שניהם", נאר דער פסוק דערציילט ווי מ'האט איר גערופן. און אזוי ווי עס איז געווען אן ענין של זנות און מ'האט נישט געוואוסט ווער איז איר טאטע, האט מען איר גערופן על שם שניהם.

משא"כ בנדו"ד, איז דאך כלפי שמיא גליא ווער איז דער אמת'ער טאטע, היינט ווי זאגט מען "בר שמחזאי ועזאל"?

באווארנט עס רש"י דורך מדגיש זיין "שבא משמחזאי ועזאל": אחי' איז נישט געווען א בן פון "שמחזאי ועזאל" נאר איז געקומען פון זיי - זיי זיינען געווען זיינער א זיידע אדער עלטער זיידע.

דאס איז אבער בלויז א מקור בחז"ל אויף די צוויי נעמען. עס בלייבט אבער נישט פארשטאנדיק (נוסף על הנ"ל: למאי נפק"מ דא צו זאגן זייערע נעמען): פארוואס קלייבט אויס רש"י די נעמען דוקא?

לה. אויך דארף מען פארשטיין אין דעם סיום פון פירוש רש"י - "בימי דור אנוש", דלכאורה איז עס נישט נאר איבעריק, נאר אויך היפך הפשט.

ווארום אויב נפלו מן השמים בימי דור אנוש איז דאך דאס געווען פארן מבול - היינט ווי קען זיין אז פון זיי זאל אימיצער איבערבלייבן?

- אין -

------------

122) סא, סע"א. 123) ראה גם בעה"ט בראשית שם.
124) וישלח לו, ב.

אין גמרא[125] שטייט אז עוג פלט מן המבול, און אין דערויף זיינען פאראן צוויי ביאורים ווי אזוי ער איז ניצול געווארן: א) "שישב לו על עץ א׳ מן הסולמות של התיבה"[126]. ב) אז ער איז אנטלאפן קיין א"י וואס דארט לא ירד המבול[127].

אבער אין פשוטו של מקרא קען מען ניט זאגן קיין איינע פון די ביאורים הנ"ל:

בנוגע דעם צווייטן ביאור [נוסף ע"ז וואס ע"ד הפשט זיינען דאך די מי המבול אויך געווען בא"י[128], במכש"כ פון דעם וואס זיי האבן צוגעדעקט אפילו די העכסטע בערג]:

אויך די וואס זיינען געווען אין א"י זיינען דאך געשטארבן פון דעם מבול, ווי די גמרא[129] איז מסביר "משום הבלא" - פון די היץ של מי המבול (בכל העולם) שהיו רותחין.

איז אין פשוטו של מקרא ניט מובן ווי האט זיך עוג געקענט ראטעווען אין א"י (און דאס וואס מפרשי הגמרא זיינען אין דעם מסביר - איז כלל ניט מרומז אין פשש"מ, און רש"י ברענגט עס ניט אראפ)?

און מצד דערויף איז אויך ניט שייך צו זאגן דעם ערשטן ביאור הנ"ל [נוסף לזה וואס אין פשש"מ איז מפורש מדות התיבה און דער אופן ווי מ׳האט איר געבויט, און עס שטייט ניט אז ס׳איז געווען אן עץ בולט חוץ לתיבה] - ווייל (אין פשש"מ איז ניט מובן) ווי האט זיך עוג געקענט ראטעווען פון די מים רותחין של המבול (וואס אויך ע"פ פשש"מ מי המבול היו רותחין[130]) דורך דעם וואס "ישב לו על עץ כו׳" און איז ניט געשטארבן פון דעם "הבלא"?

אין גמרא[129] שטייט אז "נס נעשה להם שנצטננו בצידי התיבה" - אבער אויב רש"י האלט אז עס האט געטראפן אזא גרויסער נס בתוך נס וואלט ער דאס געזאגט בפירוש, און מען געפינט ניט אז רש"י זאל דאס אראפברענגען בפירושו על התורה[130*].

און אע"פ אז אויפן פסוק "ויבא הפליט"[131] ברענגט רש"י -

------------

125) נדה שם. 126) פרדר"א פכ"ג וברד"ל שם. 127) זבחים קיג, ב. 128) ראה לקו"ש ח"י ס"ע 31 ואילך. 129) זבחים שם. 130) ראה לקו"ט ח"ה ע׳ 51 הערה 32. 130*) וראה לקו"ש שם. 131) לך לך יד, יג.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

רש"י (נאכן פירוש "לפי פשוטו" - זה עוג שפלט מן המלחמה") דעם פירוש המדרש "זה עוג שפלט מדור המבול" - איז הא גופא צריך ביאור, כנ"ל: ווי איז ער געראטעוועט געווארן (ע"ד הפשט) פון מבול?

און די אלע דיוקים דארפן זיין מובן אין פשוטו של מקרא אן זוכן אין מפרשי רש"י. ובפרט אז אלע מפרשי רש"י (וואס איך האב געזען שטעלן זיך ניט אויף די אלע דיוקים,

וכפי שיתבאר לקמן.

לו. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר פון דער פרשה איז כדאי זיך אפצושטעלן אויף א הערה וואו ער רעדט וועגן דריי זאכן, מתאים צו "ירחא תליתאי" וועגן ס'איז געגעבן געווארן "אוריאן תליתאי לעם תליתאי" -

אויף דער הערה[132] וואו ער שטעלט זיך אויף דעם וואס ס'שטייט אין זהר[133] אז "זכאי אינון ישראל מעמין עכו"ם דעלמא, דקב"ה אתרעי בהו ואתכני בהו ואתפאר בהו כו'",

און ער איז מבאר אין דער הערה די ג' לשונות "אתרעי בהו", "ואתכני בהו" און "ואתפאר בהו".

דער קשר דערפון צו נתינת "אוריאן תלתאי לעם תליתאי וכו'" איז נאכמער מודגש בזה וואס ער איז מבאר אז די דריי לשונות זיינען אויך כנגד די דריי חלוקות בישראל, כהנים לויים וישראלים, מתאים לזה וואס "עם תליתאי" (צו וועמען ס'איז געגעבן געווארן "אוריאן תליתאי" אין "ירחא תליתאי") איז כהנים לויים וישראלים[134].

ער איז אבער ניט מבאר אין דער הערה די הוראה דערפון אין עבודת האדם. וכפי שיתבאר לקמן.

לז. אין פרקי אבות לערנט מען דעם שבת אויך פרק שלישי, מתאים צו "אוריאן תליתאי" וואס איז געגעבן געווארן "בירחא תליתאי" וכו'.

וואס בכלל איז פרקי אבות פארבונדן מיט ענין התורה ("אוריאן תליתאי") און מתן תורה ("בירחא

- תליתאי") -

---

132) לקוטי לוי"צ לזח"ג ע' שעה. 133) ח"ג קסא, א. 134) רש"י ד"ה לעם - שבת פח, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וועט מען קענען פרעגן בא רש"י'ן פשט.

און דער עיקר - משיח וועט דעמולט לערנען מיט אלע אידן תורתו של משיח, כמבואר אין שער האמונה[158] אז משיח וועט לערנען מיט אידן פנימיות התורה (וואס דאס איז תורתו של משיח), ובלשון פון רש"י[159] - "סוד טעמי' ומסתר צפונותי'",

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י דעם גואל ראשון - משה רבינו - הוא גואל אחרון[160] - דוד מלכא משיחא, משיח צדקנו,

במהרה בימינו ממש ובעגלא דידן.

* * *

מו. דער ביאור אין דעם פירוש רש"י:

רש"י שטעלט זיך אויף "הנפילים" און זאגט אז דער פירוש פון ווארט "נפילים" איז "ענקים". רש"י קען זיך אבער דערמיט ניט באנוגענען, ווייל עס איז ניט פארשטאנדיק: פריער נוצט דער פסוק דעם לשון "ענק" ("עז העם גו' וגם ילדי הענק גו'"), און אין דעם פסוק גופא זאגט ער "בני ענק". און וויבאלד אז אויך "נפילים" מיינט "ענקים" - פארוואס האבן זיי משנה געווען בלשונם, און אנשטאט "ענקים" געזאגט "נפילים"?

דעריבער לערנט רש"י, אז מיט דעם האבן די מרגלים צוגעגעבן נאך אן ענין, אויף מוסיף זיין אין זייער הפחדה אויף אידן.

אין וואס באשטייט די תוספת הפחדה? זאגט רש"י די נעמען פון די "נפילים" - "(מבני) שמחזאי ועזאל", וואס דער בן חמש ווייס פון כמה מקומות אז יעדער נאמען האט א פירוש וואס ווייזט אויפן תוכן הדבר. ווי ער האט ערשט געלערנט אין דעם פסוק שלפנ"ז[161], אז רש"י איז מפרש "אנשי מדות" - "גדולים וגבוהים וצריך לתת להם מדה..וכן ואיש מדון, איש מדה".

און רש"י דארף ניט אויסטייטשן דעם פירוש פון די נעמען "שמחזאי ועזאל" - ווייל דער בן חמש פארשטייט עס פון זיך אליין:

- "שמחזאי" -

---

158) פנ"ו. 159) שה"ש א, ב. 160) ראה שמו"ר פ"ב, ד. זח"א רנג, א. שער הפסוקים פ' ויחי. ועוד. 161) יג, לב.



SichosKodesh.com

"שמחזאי" איז צונויפגעשטעלט פון צוויי ווערטער: שם חזאי. דאס הייסט, אז ווען מען קוקט (חזאי) אויף זיי, זעט מען שממה (שם מלשון שממה).

ועד"ז בנוגע דעם צווייטן נאמען "עזאל" - וואס רש"י האט שוין מפרש געווען (בנוגע צו "עזאזל", כנ"ל) אז דאס איז פון לשון "עז" (און דער צווייטער "דיי"ן" איז ניט א טייל פון פירוש התיבה) - עס איז א שפיציקער ארט, "הר עז וקשה צוק גבוה", וואס דאס איז ניט קיין מקום ישוב.

מז. עפ"ז איז אויך פארענטפערט פארוואס רש"י ברענגט די נעמען בפרשתנו דוקא, און ניט על אתר אין פ' בראשית:

דארטן אין פ' בראשית רעדט זיך וועגן ישוב העולם - "ויהי כי החל האדם לרוב על פני האדמה ובנות יולדו להם"[162], און בהמשך לזה דערציילט דער פסוק וועגן די נפילים שהיו בארץ, אז "יבואו גו' וילדו להם גו'"[162*] -

האט דאך ניט קיין ארט צו דערציילן די נעמען פון די נפילים וואס ווייזן אויף שממה! ואדרבה: ווען רש"י זאגט דארטן די נעמען וואלט עס נאר מעורר געווען א קשיא - ווי קומט עס, אז זיי האבן נעמען וואס ווייזן אויף שממה והירוס העולם? און דעמולט וואלט רש"י געדארפט ענטפערן, אז בתחלה איז טאקע געווען אן עניין פון ישוב נאר דערנאך איז געווארן אן עניין פון שממה (און דערפאר הייסן זיי מיט אזעלכע נעמען). וואס דאס איז דוחק.

דוקא בפרשתנו וואו די מרגלים האבן געוואלט ווארפן א פחד אויף אידן, פאסט אריין די נעמען וואס ווייזן אויף דער שממה בעולם.

מח. נאך דעם ווי רש"י זאגט די נעמען "מבני שמחזאי ועזאל", איז רש"י מוסיף נאך אן עניין וואס די מרגלים האבן געזאגט להוסיף בהפחד - "שנפלו מן השמים":

די "אנשי מדות" מיט וועלכע אידן וועלן זיך דא דארפן פארפירן, זיינען ניט קיין בני אדם, נאר זיינען "מן השמים" - מלאכים; פארשטייט זיך דער פחד וואס דאס האט אנגעווארפן.

- און -

---

162) בראשית ו, ח. *162) שם, ד.

הנחת הת' בלתי מוגה

און דערנאך זאגט רש"י – "בימי דור אנוש", ווייל דאס איז נאך מער מוסיף אין דער שטארקייט של הנפילים, אז זיי זיינען אדורך דעם מבול און געבליבן לעבן.

דאס הייסט, אז: (א) זיי האבן מאריך ימים געווען פון פארן מבול, (ב) זיי זיינען אזוי שטארק, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס דער מבול האט אויסגעהרג׳ט די גאנצע וועלט, זיינען זיי געבליבן לעבן.

וואס דאס האט נאך מער מוסיף געווען אין דער הפחדה פון אידן, אז זיי וועלן דארפן האבן צו טאן מיט אזעלכע "מאדנע" ברואים, וואס אפילו דער מבול האט זיי ניט פארשאט.

מט. עס בלייבט אבער ניט פארשטאנדיק, כנ"ל: ווי קען זיין אז דער מבול האט זיי טאקע ניט פארשאט?

איז דער ביאור בזה – בפשטות:

די גאנצע גזירה פון דעם מבול איז געווען נאר אויף בני אדם ובעלי חיים אשר על פני האדמה, כמ"ש[163] "אמחה את האדם אשר בראתי על פני האדמה מאדם עד בהמה גו׳". משא"כ בנוגע צו די וואס זיינען "מן השמים".

דער מבול איז טאקע געווען אין גאנץ וועלט – וע"ד הפשט אויך אין א"י (כנ"ל) – אבער ניט בנוגע צו ברואים מן השמים!

נ. נאך אן ענין וואס רש"י איז מרמז דורך צוגעבן "בימי דור אנוש":

דער בן חמש למקרא געדענקט אז בנוגע צו אנוש שטייט אין פסוק[164] "אז הוחל לקרוא בשם ה׳", און רש"י איז מפרש: "לשון חולין לקרוא את שמות האדם ואת שמות העצבים בשמו של הקב"ה, לעשותן אלילים ולקרותן אלהות". ד.ה. אן ענין של ע"ז. איז במילא פארשטאנדיק, אז די נפילים שנפלו כו׳ בימי דור אנוש זיינען געווען אזעלכע וואס האבן מורד געווען בהקב"ה.

און דער ענין קומט בהמשך צו וואס די מרגלים האבן פריער געזאגט[165] "חזק הוא ממנו – כביכול כלפי מעלה אמרו": מ׳וועט דארפן האבן צוטאן מיט אזעלכע וואס שרעקן זיך ניט פון אויבערשטן, ווייל זיי זיינען

- "מבני -

---

163) שם, ז. 164) בראשית ד, כו. 165) פרשתנו שם, לא ובפרש"י.



SichosKodesh.com

"מבני כו' שנפלו כו' בימי דור אנוש" וואס האבן מלחמה קעגן דעם אויבערשטן.

עפ"ז זיינען מובן די אלע דיוקים וועלכע מ'האט פריער גערעדט און נאך כמה דיוקים.

נא. נאך אן ענין בלתי מובן אין פירוש רש"י אויף דעם פסוק:

אין דעם דיבור המתחיל שלאח"ז איז רש"י מפרש וואס די מרגלים האבן געזאגט "וכן היינו בעיניהם - שמענו אומרים כו' נמלים יש בכרמים כאנשים", און דערנאך קערט זיך אום רש"י צוםווארט "ענק" (וואס שטייט פריער אין פסוק) און איז מפרש: "שמעניקים חמה בקומתן (בצוארם[166])".

איז ניט מובן: פארוואס איז רש"י מפרש די ווערטער אין א פארקערטן סדר ווי זיי שטייען אין פסוק?

איז דער ביאור בזה, אז דער הכרח צו לערנען אז "ענק" מיינט "שמעניקים חמה בקומתן", איז דערפון וואס "שמענו אומרים זה לזה נמלים יש בכרמים":

אויב מ'זאל זאגן אז די בני ענק זיינען געווען סתם "אנשי מדות - גדולים וגבוהים", ווי די דוגמא וואס רש"י ברענגט: "כגון גלית גבהו שש אמות[161]", אדער אפילו ווי עוג וואס "ערשו ערש ברזל גו' תשע אמות"[167] - פאסט דאך ניט צו זאגן, אז די מרגלים זיינען געווען בעיניהם ווי נמלים,

ווארום די גובה פון סתם בני אדם איז דאך ג-ד אמות [ובפרט דער דור דעה של משה, וואס משה איז געווען עשר אמות[168], איז מסתבר אז זיי זיינען געווען (טאקע קלענער פון אים, אבער דאך) בערך זיין גובה] - איז אפילו אויב די ענקים זיינען געווען שש אמות אדער תשע אמות, אדער אפילו אויב זיי זיינען צוגעוואקסן נאך עטלעכע אמות, פאסט אינגאנצן ניט צו זאגן אז די מרגלים זיינען געווען בעיניהם ווי נמלים.

דאס איז מכריח רש"י צו זאגן, אז דער גובה פון די בני ענק איז געווען אינגאנצן שלא בערך - "מעניקים חמה בקומתן (בצוארם)", אז זיי זיינען געווען אזוי הויך אז דער חמה האט זיך געזען ארום צווארט, און דערפאר האבן זיי געזאגט "נמלים יש בכרמים".

- נב. -

------------

166) פרש"י סוטה לד, ב - ד"ה שהיו מעניקים. הובא ברא"ם ושפ"ח כאן. 167) דברים ג, יא. 168) ברכות נד, ב. וש"נ. וראה פרש"י עה"פ חוקת כא, לה.

נב. ס'איז אבער דא נאך אן ענין וואס מ'דארף פארשטיין אין כללות הענין וואס די מרגלים האבן אנגעווארפן א פחד אויף די אידן:

די אידן האבן געוואוסט אז משה האט פריער (אין פ' כי תשא[169]) געזאגט דעם אויבערשטן "ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה", און דאס איז נתקבל געווארן בא דעם אויבערשטן - איז ווי האבן זיי זיך דערשראקן פון דברי המרגלים אז "לא נוכל לעלות אל העם כי חזק הוא ממנו", און "ארץ אוכלת יושבי' וכל העם אשר ראינו בתוכה אנשי מדות. ושם ראינו את הנפילים בני ענק מן הנפילים וגו'" - ס'איז דאך "ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה"?!

נאכמער:

אפילו אויב די אידן האבן זיך בפועל דערשראקן פון דברי המרגלים (כאטש "ונפלינו אני ועמך וגו'") - איז אבער די קשיא אויף יהושע וכלב: פארוואס האבן זיי געזאגט די אידן אז למרות דברי המרגלים "עלה נעלה וירשנו אותה כי יכול נוכל לה"[170], און "טובה הארץ מאד מאד"[171], "ואתם אל תיראו את עם הארץ כי לחמנו הם סר צלם מעליהם וגו'"[172] - זיי האבן געדארפט זאגן בפשטות: "ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה", במילא איז א זיכערע זאך און ס'איז פשוט אז אידן האבן ניט וואס צו מורא האבן צו גיין אין ארץ ישראל?!

וכפי שיתבאר לקמן.

נג. דער ביאור אין דעם ענין פון שלשה (וואס רעדט זיך אין זהר און אין די הערות לזהר) בעבודת האדם, איז פארבונדן מיט דעם ביאור אין פרקי אבות:

מיט "הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה" - קומט די משנה זאגן אז דורך דעם עצם ענין פון מסתכל זיין דוקא "בשלשה דברים", ניט בשני דברים אדער בארבע דברים וכיו"ב, באווארנט מען אז מ'זאל ניט קומען לידי עבירה (כנ"ל סל"ח). און דער ענין איז ניט נוגע צו די דריי פרטים וועלכע די משנה רעכנט דערנאך אויס.

דער ביאור בזה:

דער מושג פון שלשה (בעניננו) באדייט ניט דריי

- באזונדערע -

169) לג, טז. 170) פרשתנו שם, ל. 171) שם יד, ז. 172) שם, ט.



SichosKodesh.com